STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02436

LEBEDIGERHEYT IN HIMEL

Yehoshua Mezah

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעבעדיגערהייט אין הימעל

אדער

א מעשה אהן א סוף.

וואס א גרויסער חסיד האט דערצעהלט אין
א חסידישע שטיבעל פון א בת מלך.

פארשריבען לזכרון פון

יהושע הלוי מנח.

ווילנא, תרע"ג.
בדפוס ראזענקראנץ ושריפטזעטצער.

ИСТОРІЯ БЕЗЪ КОНЦА.

Разсказъ О. Мейзаха.

ВИЛЬНА.
Т-во тип. и книгоиздательства А. Г. Розенкранца и М. Шрифтзетцера,
Лидскій пер. домъ № 7.
1913

א.

גבריאל און רפאל צווי ווארעמע חסידים זיינען געזעסען אין אחסידישע שטיבעל, ביידע האבען געגענעצט. זאגט גבריאל: האר רפאל, ווי מיר ווייזט אויס איז אונז ביידען לאנגווייליג די צייט, פאלג מיר גוטער ברודער לאמיר בעסער פארברייננגען די צייט אין אגוטצליכע זאך, פארשטייסט דאך אליין וואס קאן פאר אמת'ע חסידים נוטצליכער זיין ווי צו ערצעהלען מעשיות פון גוטע אידין. פאלג מיך הייב דו אן צו ערצעהלען איין מעשה, וועל איך מיך באלד עראינערען אן אצווייטע מעשה, אזוי וועלען מיר די צייט פערברענגען אין נוטצליכע זאכען.

— גוט — האט רפאל געענטפערט — איך וועל דיר ערצעהלין זעהער אשאנע מעשה, ווי אזוי דער הייליגער רבי וואס די גאנצע וועלט פארנאמטערען איהם דאס איז רבי ישראל בעש"ט איז גע־בארען געווארען.

— מערקווירדיג — האט גבריאל באמערקט — פיל גרויסע מענשען האבען געהאט דעם גליק אז פון זיי זאל ערציילט ווערען מעשיות ווי אזוי זיי זיינען געבארען געווארען. למשל: יצחק, יעקב, די בני יעקב, משה רבינו, שמואל הנביא, און נאך פיל אנדערע.

— וואס וואונדערסט דו זיך אזוי שטארק אויף דעם? — האט רפאל געענטפערט — דו האסט געזעהען אויף דעם הימעל זענען פאראן פיל שטערין, קיינער וואונדערט זיך ניט זיי צו זעהען, ווייל יעדער מענש זעהט זיי אלע נאכט, נור אז עס בעווייזט זיך אנייער שטערין, ריידען פיל מענשען פון איהם, אזוי איז מיט די גרויסע צדיקים. אמת לא אלמן ישראל ביי אידען זענען פאראן לעבעדיגע

צדיקים

צדיקים, נור אז עס ווערט געבארען איינער צדיק, ריידען פון איהם פיל מענשען.

מיט דעם זעלבען געדאנקען—האט גבריאל געזאגט — פאר-שטייט איך נאך אזאך—מיר זעהען למשל די זונן גייט אונטער יע-ער נאכט און קיינער וואונדערט זיך ניט, נור ווען עס טרעפט אמאל אז ביי טאג ווערט די זונן פינסטער (לקוי חמה) ריידען פיל מענשען דערפון.

די זעלבינע איז צו זעהען, פיל מענשען שטארבען, און קיינער בעוואונדערט דאס ניט, קוים שטארבט א צדיק די זונן ווערט פינסטער ביי טאג, ווערט א געוואלד!

רפאל: גענוג דיר זאגען דיינע משלים, האר אויס די מעשה פון בעש"ט ווי אזוי ער איז געבארען געווארין.

אין לאנד „וואלאחאי" האט געוואהנט אגרויסער צדיק, זיין נאמען איז געוועזן הרב רבי אליעזר, ער איז געוועזן אגרויסער גאון און אבעל מקובל.

אין יענער צייט האבען רויבער, באנדיטען געפונען אגוטען ארט אין וואלאחאי צו רויבען, זיי פלעגען האפען מענשען און זיי פארקויפען לעבדים ולשפחות.

רבי אליעזר איז געזעסען ביי זיך צו הויז ער האט געלערענט קבלה, האט ער געהערט א בת קול וואס זאגט: אליעזר, אליעזר! זיי מציל דיין פלונית'טע זי זאל באלד אנטלויפען און דו זיי מקבל אויף זיך די גזרה געפאנגען צו ווערען.

זיין פרוי איז אויך געוועזן אגרויסע צדקניות, לויט איהרע פרומקייט האט זי געקאנט גערעכענט ווערען אזוי גוט ווי איינע פון די פיער אמהות, זי האט דערהערט דעם בת קול, ער איז געגאנגען דורך דעם מאנס האלדז, עס האט זיך איהר געדוכט אז ער רעדט עס, איז זי באלד אנטלאפען צו אבעל עגלה און איז אוועקגעפאהרען אין אנאנדער שטאדט צו איהרע אשוועסטער.

ווי נור זי האט זיך געראטעוועט פון געפאנגען צו ווערען, זיינען עטלעכע רויבער בעפאלען דאס הויז וואו רבי אליעזר האט געוואהנט, זיי וואלטען געוויס אלעמען געהרגת, נור דער זכות פון גרויסען צדיק רבי אליעזר איז זיי בייגעשטאנען, די רויבער האבען זיי ניט געהרגת נור גענומען געפאנגען, אויך רבי אליעזר איז אריינגעפאלען אין זייערע האנד.

די רויבער פלעגען זייערע געפאנגענע אוועקפיהרען אין זיד אפריקא, דארטען פלעגען זיי ארויסשטעלען די אונגליקליכע אויפ'ן מארק, ווער עס האט געברויכט אקנעכט אדער אשפחה פלעגט ביי זיי קויפען.

די רייזע פון וואלאחאי ביז זיד אפריקא פלעגט געדויערען אלאנגע צייט מעהר ווי איאהר.

רבי אליעזר איז געבראכט געווארען אין אטורמע וואס פון דארט האט מען איהם מיט נאך געפאנגענע געברויכט מארגען אפ־שיקען נאך זיד אפריקא.

די רויבער מיט אלע געפאנגענע האבען באמערקט אז די גאנצע טורמע שאקעלט זיך ווי אמענש האט שטארקע קדחת.

די רויבער האבען זיך שטארק ערשראקען זיי האבען גע־גלויבט, געמיינט, אז דאס איז פון אנ'ערד ציטערנעס, זיינען זיי ארויסגעלאפען פון טורמע, זיי האבען געוואלט ארויסלויפען אויף דער גאס, אבער ווי ערשטוינט זיינען זיי געווארען, אז זיי האבען דערזעהען ארום און ארום טורמע אגרויסען וואסער, זיי האבען גע־מיינט אז די גאנצע שטאדט איז פארפלייצט געווארען, האבען זיי געוואלט וויסען ווי טיף דער וואססער איז, האבען זיי גענומען אגאנץ לאנגע שטריק אנגעבונדען אן איין זייט אשווערען אייזען און אריינגעווארפען אין וואסער, אבער אומזאנסט איז געווען זייער טרחה, דאס וואסער איז אזוי טיף געווען אז עס איז ניט מעגליך געווען צו צוקומען צום גרונד.

רבי אליעזר האט מתפלל געווען האבען אלע רויבער מיט די געפאנגענע איינגעשלאפען, אויף מארגען פריה זיינען זיי אויפגעשטאנען האבען זיי די טורמע מעהר ניט געזעהען נור דאס האבען זיי באמערקט אז זיי זיינען אין זיד אפריקא.

אין וואלאהאי האט „געקלונגען די וועלט" אלע האבען גערעדט פון דעם וואונדער אז צוועלף שעה איז די טורמע פארפאלען געווארען, זי איז ווי אין דער ערד אריין, און אויף מארגען איז זי צוריק ארויסגעקראכען פון דער ערד און זי האט זיך באוויזען...

די רויבער האבען זייערע געפאנגענע ארויסגעשטעלט אויף דעם שקלאווען-מארק, אלע געפאנגענע האבען געוויינט, געקלאגט, עס איז שרעקליך צו זעהען דעם עלענד, דעם אונגליק, די איבערנאטירליכע יסורים וואס די געפאנגענע ליידען, אקליינינקייט, עס ווערען פונאנדערגעטהיילט מאנער פון פרויען, קינדער פון עלטערן, דער בארבארישער שקלאווען-האנדעל האט געקאנט עקסעסטירען נור אין יענע ווילדע צייט, מענשען זיינען געווען ווילדער ווי די חיות.

גבריאל: און וואס מיינסט דו איז היינט? מיר דוכט אז אין „עצם" זאך איז גאר קיין אונטערשייד. עס ווערט ערצעהלט יעצט פון רייזענדער אז פון דער צייט וואס די איירופייער האבען אנגעפאנגען פאהרען אין זיד אפריקא, זיינען די דארטיגע ווילדע שבטים געווארען ציוויליזירט, אזוי פלעגען זיי עסען מענשין פלייש רויע מיט די האנד און היינט קאכען זיי דאס פלייש און עסען מיט גאבעל און מעסער, אבער אימער מענשען פלייש. נו רפאל ערצייל די מעשה ווייטער, זי איז אינטערעסאנט.

רפאל האט אנגעפאנגען ערצעהלען: אונזער צדיק רבי אליעזר איז געשטאנען הינטער אלע געפאנגענע און האט מתפלל געווען צו גאט, רבונו של עולם, האט ער געזאגט, בעוויז דיין נס און ברייגג מיר צוריק אהיים צו מיין פרוי, איך וואלט וועלען האבען

„אַקדיש" נור אזוי ווי איך זעה ארויס דארף איך זיין אלאנגערע צייט אַשקלאַוו, ביטע איך דיר גרויסער גאָט, דו באַשער מיר אַזא הערר וואס זאָל מיך וואס וועניגער פּייניגען, כדי איך זאָל דיך קאָנען דינען בכל לבבי ובכל נפשי.

ווי רבי אליעזר האט געענדיגט זיין תפלה איז געקומען אגרויסער פאָרנעהמער הערר, ער איז געווען דעם קאָניגס ראַטה־געבער (בעל יועץ) ער האט בעטראַכט די נייע פּארטיי שקלאַווען.

ווי ער האט אַקוק געגעבען אויף רבי אליעזר'ן, איז ביי איהם דאס בלוט אַריין אין פּנים, ער האט זיך שטארק ערשראָקען.

רבי אליעזר האט דאס באמערקט און האט געטאַכט אַשוויינ, דער הערר איז איהם פאָרגעקומען ווי ער וואָלט זיין מיט איהם בעקאַנט.

דער פאָרנעהמער הערר האט געזאגט צו דעם אָלצטען רויבער: איך בין יעצט געקומען זעהען די נייע שקלאַווען, ניט וויל איך ברויך אנ'עבד אדער אשפחה, נור וויל פארבייגעהענדיג האב איך געזעהען דעם אלטען אליעזר'ן און ער געפאָלט מיר, וועל איך איהם ביי דיר אָפּקויפען, נור בתנאי דו זאָלסט ניט פערלאנגען פיל געלד.

הגם דער הערר האט אויסגענומען אתנאי ער זאָל ניט פערלאנגען פיל געלד, נור אין הארצין האט ער געטראַכט אז ער וואָלט פאר דעם שקלאַוו אפגעבען זיין גאנצען פארמעגען.

דער פאָרנעהמער הערר האט ביי דעם רויבער אבגעקויפט דעם שקלאַוו, און ער איז מיט איהם געגאנגען אהיים.

דער מנהג איז דארטען געווען: ווען איינער האט געקויפט אמענשען, אשקלאַוו, פלעגט נעהמען דער רויבער אשטריק און בינדען איהם ארום האלדז ווי אַחאַמעט אויף אַפערד, און דער נייער הערר פיהרט איהם אוועק — האלטענדיג די שטריק — צו זיך אהיים.

דעם מאָהל האט דער פֿאַרנעהמער הערר ניט ערלויבט דעם רויבער דאס צו טהון, ער האט געזאגט: נישט קשה, דער שקלאַוו וועט פֿון מיר ניט אנטלויפֿען, איך בין זיכער מיט איהם.

רבי אליעזר האט געהאָרט ווי דער הערר האט ערוואָנערט זיין נאמען און ער האט געזעהען ווי דער הערר באַגעהט זיך מיט איהם, האט ער זיך זעהער שטארק געוואונדערט, אין אָנפֿאנג האט ער געקלעהרט אפשר איז דאס אליהו הנביא פֿארשטעלט אין אזא פֿאָרמע אדער אמלאך געשיקט פֿון הימעל מיך אויסלייזען און ברייננען אהיים צו מיין פלונית׳טע.

ווי רבי אליעזר איז געבראכט געווארען צו הויז ביי דעם „פֿארנעהמען הערר”, האט איהם אַ אלטער סרים אנגעוויזען אבע־זונדערין צימער, און אנשטאט וואס רבי אליעזר האט בעדארפֿט באדינען זיין „פֿארנעהמען הערן”, האט זיין הערר באפֿוילען אסרים דאס ער זאל באדינען דעם נייעם שקלאַוו.

רבי אליעזר האט זיך ניט ווענינ געוואונדערט אויף דעם, נור ער האט געמאכט אשווייג.

ב.

דער „פֿארנעהמער מאן” און „בעל־יועץ” ביי דעם קאָניג איז געווען אמאל אבארימטער הויזניק (מאלער) און ארייזענדער און ער האט געהאט אידיעה אין רפואות.

מיט פֿערציג יאהר צוריק איידער ער האט געקויפֿט דעם רבי אליעזר אלס שקלאַווע, איז ער געפֿאהרען זוכען גליק, ער איז גע־קומען אין וואלאחאי וואו רבי אליעזר האט געוואהנט, דענסטמאל איז זיין נאמען געווען יחזקאל ארב׳ס אזאהן, ער איז געווען זעהער

פרום

פרום און האט געהאט אגוטין האראקטער מיט גרויסע בילדונג און צו אלע גרויסע מעלות איז ער געווען שאַן און קלוג.

אין וואלאהאי האט איהם אנ'אונגליק געטראפין: ער איז געגאנגען פארטראכט אויף דער גאס, זיינען עטליכע רויבער איהם בעפאלין גיבונדין האַנד און פיס, געוואלט איהם אוועקטראגין צו זיך אהיים.

דער יחזקאל האט אין אונגליק געהאט גליק, דען אין יענעם מאָמענט איז רבי אליעזר געגאנגען אין גאס, ער האט דאס גע-זעהען, איז ער שנעל צוגעגאנגען צום עלצטין רויבער און האט געזאגט: דו זאלסט וויסין אז דער גיפאנגענער איז מיינער אחבר (כל ישראל הברים) ביטע איך דיר דו זאג מיר וויפיל אויסלייזגעלד דו ווילסט פאר איהם.

— הונדערט דוקאטין — האט דער רויבער געזאגט.

— גוט האט ר' אליעזר גענטפערט — פיהר איהם אוועק צו מיר אהיים, וועל איך דיר דאס געלד געבין.

— מיט וואס בין איך זיכער אז דו וועסט מקיים זין דיינע רייד? — האט דער רויבער געפראַגט.

— באלד וועל איך דיר ווייזין אז דו מעגסט מיר גלויבין — האט רבי אליעזר גענטפערט — ער האט ארויסגענומען פון זיין טאשע הונדערט דוקאטין און דערלאנגט דעם רויבער.

ווי דער רויבער האט צוגענוממען דאס געלד, האט ער געזאגט: די הונדערט דוקאטין זיינען שוין מיינע און דער גע-פאנגענער איז אויך מיינער.

— אויב אזוי — האט רבי אליעזר גיזאגט — קומט דיר אגרויסע שטראף, דו גנבת, גזלת מענשין וואס לויט דעם דין קומט דיר מיתה, און דו נעהמסט נאָך דערצו געלד און בינמט ניט מקיים דעם אפמאַך.

— אויב דו ווילסט האט דער רויבער געזאָגט — וועל איך דיר אויך נעמען געפאַנגען.

— הבא להורגך השכם להרגו — האט רבי אליעזר געטראַכט אין הארצען — ער האט באַלד ארויסגערעדט אַ שם, זיינען געקומען צוויי פייגעל און האבען דעם רויבער אויסגעפּיקט ביידע אויגען, האט רבי אליעזר צוגענומען ביי דעם רויבער זיינע הונדערט דוקאַטען און אוועקגעפיהרט יחזקאל'ן צו זיך אַהיים. ער האט איהם די הונדערט דוקאַטען געגעבען און געזאָגט, דאס ער זאָל אוועקפאָהרען פון וואַלאַחאַי, וויל רויבער קאָנען איהם נאָך אַמאָל פאַנגען.

אַלס דאַנקבאַרקייט האט יחזקאל אראָפּגענומען רבי אליעזר'ס בילד אויף לייווענד און נאָך אַבילד אַקאָפּיע האט ער געלאָזען פאַר זיך און מיטגענומען מיט זיך.

ג.

יחזקאל האט גענומען אַבשייד פון רבי אליעזר'ן, און איז אוועקגעפאָהרען ווייטער זוכען גליק.

פאָהרענדיג מיט אַשיף אויף דעם ים, זיינען ים-רויבער בעפאַלען די שיף, גענומען אַלע פּאַסאַזירען געפאַנגען, אויך יחזקאל איז אַריינגעפאַלען אין זייערע האַנד, די רויבער האבען ביי איהם צוגענומען זיין געלד און אוועקגעפיהרט אין זיד אַפריקאַ וואו ער געפינט זיך יעצט.

די רויבער האבען איהם אוועקגעשטעלט אויף דעם שקלאַווען מאַרק צו פאַרקויפען.

אויף

אויף יענעם אָרט וואו יחזקאל איז געשטאנען איז פאַרבײַגענאנגען דעם קעניגס אהויז מענש אגוטער פרײַנד פון קעניג, ער האט דערזעהן דעם שקלאַוו איז ער איהם שטארק, אָבער גאנץ שטארק געפאַלען געווען, ער האט איהם געבראכט צו הויזע אַלס שקלאַוו.

יחזקאל האט געפונען חן בײַ זײַן נײַעם בעל הבית, האט דער בעל הבית ערצעהלט דעם קעניג אז ער האט געקויפט אַשקלאַוו וואס ער איז זעהער קלוג און געבילדעט.

דער קעניג האט פערלאנגט פון זײַן גוטין פרײַנד דאס ער זאָל ברײַנגען דעם שקלאַוו צו איהם, ער וויל איהם זעהן.

יחזקאל איז געבראכט געוואָרען פאַר דעם קעניג אָט ווי יוסף הצדיק פאַר דעם קעניג פרעה פון מצרים.

דער קעניג האט נור אקוק געגעבין אויף איהם, איז ער איהם באלד געפאַלען געווען, ער האט מיט איהם גערעדט אין פערשידענע ענינים, דאס הויפט אין פאליטיק, יחזקאל האט ארויסגעוויזין דעם קעניג אז ער איז גוט בעקאנט אין אלע מלוכה זאכין, האט ער איהם צוגענומען צו זיך פאַר אבעל יועץ.

אז ער איז געגאנגען אויף דעם שקלאַווען־מארק און האט דערזעהן ווי זײַן אמאָליגער רעטער שטעהט אויף דעם שקלאַווין־מארק ווי אשקלאַווע, האט ער איהם באלד ערקאַנט אז דאס איז רבי אליעזר, הגם אין פערציג יאָהר צײַט ענדערט זיך אמענש, דאך האט ער איהם ערקאַנט.

יחזקאל האט געוואוסט אז רבי אליעזר איז אגרויסער בעל שם, האט ער זיך שטארק געוואונדערט פאַר וואס ער האט זיך געלאָזט נעהמען געפאנגען, ער האט זיך ערא־ינערט אויף וועלכין אופן ער, רבי אליעזר, האט איהם, יחזקאלין, מציל געווען פון דיבערשע שטארקע האַנד, ווארשײַנליך — האט יחזקאל גע־טראכט

טראכט אין הארצין — איז דאס ניט אומזאָנסט. ער איז אהער געקוממען געוויס וועגין אוויכטיגין ענין, נור וואס פאר א ענין וועט די צייט זאָגין.

ד.

אין יענער צייט האט די „וועלט" אָנגעפאנגען רייִדין וועגין מלחמות, עס האבין זיך פארזאמילט עטליכע שבטים זיי האבין געוואָלט אוועקנעהמען דאס לאנד ביי דעם קאָניג וואס יחזקאל איז געוועזן זיין בעל יועץ, יעדין טאָג איז דער קאָניג מיט זיין סענאט אויך דער בעל יועץ געזעסין און געקלעהרט א וויכטיגין זייער אשטארקין וויכטיגין ענין, זיי האבין קיין עצה ניט געפונען ווי צו טהון, אלע זייערע עצות זיינען דעם קאָניג ניט געפאָלין געוועזן, אפילו דאס וואס דער בעל יועץ האט געזאגט האט דער קאָניג ניט אָנגענוממען.

— די זאך איז זייער ערנסט – האט דער קאָניג געזאָגט — און איהר הכמים ווייסט ניט קיין עצה צו געבין, אויף אייך בין איך ניט אזוי שטארק אין כעס, ווי אויף מיין בעל יועץ. יחזקאל! האט דער קאָניג א געשריי געטהון — דו שווייגסט? דו האָסט קיין עצה, דו זעהסט גאָר ניט אז מיין גאנצע לאנד איז אין אסכנה, געה אהיים יחזקאל, ביז מאָרגין זאָלסט דו זיך באקלערין א ריכטיגע עצה, און אויב ניט זאָלסט דו מעהר זיך פאר מיר ניט ווייזין.

הדבר יצא מפי המלך. ווי דער קאָניג האט נור געענדיגט רייִדין האט ער אוואונק גיגעבין צו אסרים וואס האט פארשטאנען דעם וואונק, ער האט באלד אָנגענומען יחזקאל'ן פאר אהאנד און

איהם

איהם ארויסגעפיהרט פון זאאל און פון פאלאץ אויף דער גאס און האט געזאָגט צו איהם: בענש „גומל" וואס דו האסט דיין לעבין ניט פארלאָהרען. אָ! דו ביגסט אמול׳דיגער, דארום האָף איך אז ביז מאָרגין וועסט דו געפינען אנ׳עצה, געה געזונדערהייד אהיים און גאָט זאל העלפין.

הגם די טרייסט וואָרטער פון דעם סרים האבען איהם אבי־סיל געטרייסט, נור ניט אין גאנצין בערוהיגט.

שטארק בעטריבט איז ער געקומען צו הויז, געפאלין אויף׳ן בעט, זיין קרעכצין, זיפצין און וויינען האבין זיך געהאָרט אין אלע חדרים פון זיין פאלאץ.

אגרויסער שלאָף איז אויף איהם געפאלין ער האט דערזעהען אגאָטליכין אלטין מאן שטייט ביי זיין בעט מיט אגרויסין שווערד אין האנד, קאָנטיג איז געוועען אז דער שווערד איז זייער שארף.

אין אָנפאנג האט ער זיך שטארק, אָבער זייער גאנץ שטארק ערשראָקין, איהם האט זיך געדוכט אז דער קאָניג האט צו איהם געשיקט אזא שרעקליכין מענשין צו הרגנען איהם.

— וואס שלאָפסט דו? — האט דער גאָטליכער מאן גע־זאָגט צו איהם — שטעה אויף, און פרעג אנ׳עצה ביי דיין נייע־שקלאוו, ניט אומזאָנסט האבין איהם רויבער געבראכט צו דיר, ער וועט דיר געבין אריכטיגע עצה וואס דעם קאָניג מיט זיינע סענאט וועט געפאָלען זיין.

זעהער ערשראָקין האט ער אויפגעוואכט פון שלאָף און איז געלאָפען צום חדר וואו רבי אליעזר איז געזעסען.

ה.

די גאנצע צייט וואס דער קעניג און דער סרים האבען גע־רעדט מיט יחזקאלן, האט רבי אליעזר געדרעמילט, ער האט גע־זעהען דעם זעלביגען געטליכען אלטען מאן וואס יחזקאל האט איהם געזעהען אין חלום, דער אלטער געטליכער מאן האט צו איהם גע־זאגט אז דער בעל יועץ וועט דיר פרעגען מכח אמלחמה ענין, זאלסט דו איהם אזוי און אזוי אנטווארטען.

רבי אליעזר האט אויפגעוואכט פון שלאף, ער האט ער־ווארטעט דעם בעל יועץ.

עס האט ניט לאנג געדויערט איז דער בעל יועץ אריינגע־גאנגען אין חדר וואו רבי אליעזר איז געזעסען.

— פילסט דו ביי זיך אז דו בינסט אשקלאוו — האט יחזקאל געפרעגט — אדער דו פילסט זיך פריי?

— ווען מיין אלטעצקע וואלט דא געווען — האט רבי אליעזר געענטפערט — וואלט איך מיינען אז איך בין צו הויז... און אפשר נאך בעסער ווי צו הויז.

— דו בייענקסט נאך דיין אלטעצקע — האט יחזקאל גע־לאכט — וואס פאר אנוטצען קאנסט דו פון איהר האבען?... איהר ביידע זיינט דאך שוין אלט, אפגעלעבט אייערע יאהרען — גלויבסט דו נאך צו האבען אויף דער עלטער אקדיש?

— פאר וואס ניט? — האט רבי אליעזר געענטפערט — מיר האבען אבלל „מעשה אבות סימן לבנים", ד. ה. וואס אונזערע אבות האט געטראפען קאן אונז אויך טרעפען, און מיר וויסען אז אברהם אבינו האט געבארען זיין זאהן יצחק צו הונדערט יאהר.

— האר אליעזר — האט יחזקאל געזאגט — איך וועל דיר פרעגען אענין און אויב דו וועסט מיר זאגען אריכטיגע עצה, וועל

האט מיר מגלה געווען דעם סוד, כדי צו ראטעווען דיך מיט דיין לאנד פון גרויסע אונגליקען, יעצט גרויסער קעניג אז איך וועל האבען דאס גליק דו וועסט פאלגען מיך דיין קנעכטס א קנעכט, בינסט דו געראטעט אויף עוויג, אלע דיינע שונאים וועלען זיך ערשרעקען צו הערען דיינע גרויסע מעשים וואס זיינען נאך ביז היינט ניט געהערט געווארען. אלע פעלקער וועלען דיך מקנא זיין, זיי וועלען דיך אנערקענען פאר דעם גרעסטען מלך אויף דער וועלט.

יענער ענין וועט שוין רעכט ווערען — האט דער קעניג געזאגט — יעצט גיב אנ׳עצה ווי אזוי זאלען מיינע סאלדאטען אריין אין שטארקען פעסטונג „פיפי״, ער איז געבויט ביי א ים, פון איין זייט איז ים, די צווייטע זייט זיינען געשלאסען מיט אייזערנע טהויערין, און גרויסע הונדע זיינען שומרים.

— מיין עצה — האט רבי אליעזר געזאגט — איז אזוי: דו שיק גבורים מיט אשיף זיי זאלען צו געהען נאהנט ביי דעם קרע־פאסט, פאר די הונדע איז ניטא וואס מורא צו האבען, זיי נעמען שוחד, ניט געלד, נור פלייש, דיינע גבורים וועלען מיטנעהמען גרויסע שטיקער פלייש וועלען דאסווארפען פאר די הונדע, זיי זענען געוויס הונגעריגע וועלען זיי חאפין דאס פלייש עסען און אז אהונד עסט קאן ער ניט בילען, דערווייל וועלען דיינע גבורים אין וואנד פון פעסטונג מאכען גרויסע לאכער און גראבע פלאקער אריינרוקען אין די לאכער וועלען זיי קאנען אויף דעם וואנד פון פעסטונג ארויפקלעטערין, קיים וועלען זיי זיין אויף דעם וואנד, איז שוין אקליינע ארבייט זיך אראפצולאזען אין שטאדט, זיי וועלען די שומרים הרגנען, אפענען די טהויערין און דיינע געטרייע סאלדאטען וועלען אלע אריינגעהען אין שטאדט, אט האסטו דעם פעסטונג „פיפי״ בעזיגט און דיינע שונאים אונטערטהעניג געמאכט אויף עוויג.

דאס

— דאס רעדט ניט א מענש — האט דער קעניג געזאגט מיט גרויס ענטציקונג — דאס רעדט גאט אליין. ניין, אליעזר, דו וועסט מעהר קיין שקלאווע זיין, איך וועל דיר פריי מאכען און דו בלייבסט ביי מיר אויף עוויג.

ריידענדיג האט זיך דער קעניג געווענדעט צו יחזקאל'ן און איהם געזאגט: אט וויפיל דו האסט באצאהלט פאר דעם שקלאווע וועל איך דיר באצאהלען צעהן מאהל דאפעלט, און דו אליעזר זאלסט וויסען קוים וועל איך דעם פעסטונג בעזיגען וועל איך דיך מאכען פאר אקאמענדאנט, פאר אקנאיז אויף יענעם קרעפאסט, דו וועסט דארטען קענען רעגירען ווי דו וועסט אליין וועלען, דו וועסט ביי מיר זיין די זעלבינע וואס יוסף איז געווען אין מצרים ביי דעם קעניג פרעה.

ח.

— גאטוניו! — האט רבי אליעזר געטראכט אין הארצין — אויף אזא כבוד אזא גדולה האב איך מיך קיין מאהל ניט געריכט, איך ווייס אז אנאנדערער אויף מיין ארט וואלט זיך געשעצט גליקליך, נור איך בין מיט דעם גליק ניט צופרידען, ווייל איך וויל פאהרען אהיים זעהען מיין אונגליקליכע פלונית'טע, די לעבעדיגע עגונה, אויף איהר קאן מען באמת זאגען שכינתא בגלותא, איז דאך איי־נגענטליך די פראגע: גאט איז דאך אויך כביכול אין גלות, פאר וואס ווערט זי בעדויערט מעהר ווי ער, נור ווייל זי איז די שכינה איז איהר ערגער ווי איהם צו זיין אין גלות . . . די זעלבינע איז מיט מיין פלונית'טע, אט איך פארברייננ צייט אמאהל מיט דאס

אמאל

אַמאָהל מיט יענם, אָבער זי, אויף איהר איז אַרחמנות, אָבער אַרחמנות, אַנ'אמתר ריכטיגער רחמנות.

פערשידענע געדאַנקען זיינען דורך זיין קאָפּ דורכגעלאָפען און ניט איין פלאַן איז איהם געפאַלען געווען, אַנטלויפען פון קאָניג אָהן ערלויבניס האט זיך איהם אויך ניט געוואָלט, עפּעס עס פאסט ניט...

דאס הויפט האט איהם בעאונרוהיגט דער זאַקאַן אַז איינער ווערט אַקאָמענדאַנט אין קרעפּאָסט מוז ער האבען אַפּרוי און ווען ער איז אָהן אַפּרוי גיבט איהם דער קאָניג אַפּרוי וועלכע ער וויל, און דער קאָמענדאַנט האט זיך ניט געטאָרט ענטזאַגען.

נאָך אַזאַך האט איהם זעהער שטאַרק לייד געטהון, דער קאָניג האט געהאַט אַטאָכטער, ער האט געוואָלט נעהמען אַנ'איי- דעם וואס זאָל קאָנען ערצעהלען אַמעשה אָהן אַסוף, דער קאָניג פּלעגט וואַרפען גורל און וועלכען מיניסטער עס איז געפאַלין דער גורל, האט געמוזט ערציילען אַמעשה אָהן אַסוף, ווען די מעשה האט זיך געענדיגט מוז דער ערצעהלער פערליהרען זיין לעבען, ווען אָבער די מעשה וועט זיך ניט ענדיגען, בעקומט ער דעם קאָניגס טאָכטער פאר אַפּרוי.

ט.

דער לעצטער גורל איז געפאַלען אויף רבי אליעזר'ן, ער האט געברויכט ערצעהלען אספור אָהן אַסוף.

אַסרים האט איהם ערקלעהרט אז דעם גאַנצען טאָג — אויסער וואס דער קאָניג שלאָפט און טהוט נאָך עפעס — מוז ער

הארען

הערען דעם ספור אהן אסוף, ווען אבער דער ספור וועט זיך ענדיגען, וועט צוזאממען מיט דעם ספור ווערען געענדיגט זיין לעבען.

ריידענדיג האט ער איהם געבראכט פאר דעם קאניג.

— זייך — אליעזור — האט דער קאניג געזאגט פריינדליך — און פאנג אן צו ערצעהלען דיין ספור אהן אסוף, זאג מיר דעם אמת האסט דו בכח אזא „מעשה" צו ערצעהלען וואס זאל קיין סוף האבען.

— דער גרויסער באשעפער וואס האט אלע וועלטען בע-שאפען — האט רבי אליעזור געענטפערט — און ער גיבט חכמה און געדולד דעם מענשען, דער זעלביגער באשעפער וועט מיר העלפען איך זאל קאנען ממלא זיין דעם רצון המלך.

— נו גוט — האט דער קאניג געזאגט — מיר וועלען שוין זעהען ווי דער באשעפער וועט דיר העלפען, דערווייל פאנג אן דיין ספור אהן אסוף.

רבי אליעזור האט אנגעפאנגען ערצעהלען.

אין אווייטע לאנד ניט ווייט פון די הרי החשך, האט רעגירט אכליף, זיינע שטערן זעהער האבען איהם געזאגט: אז זיבען יאהר וועט די ערד ארויסגעבען זעהער פיל תבואה, נאכדעם וועט זיבען יאהר צייט ווערען א הונגער אין לאנד, דער הימעל וועט ווערען הארט ווי קופער, די ערד וועט ווערען ווי אייזען, עס וועט ניט רעגענען, במילא וועט קיין זאך ניט וואכסען, אט אקוראד ווי עס איז געוועזן אין מצרים אין די צייטען וואס יוסף איז דארט געוועזן אשני למלך.

דער כליף האט זיינע שטערן-זעהער געגלויבט ער האט זיך בעראטהען מיט די גרעסטע חכמים וואס מען זאל טהון צו פאר-היטען דאס לאנד פון אזא הונגער. זיי האבען איהם אנ'עצה געגעבען

געגעבען: ער זאל בויען אשפייכלער פון עטלעכע קוואדראטנע וויארסט, אנשיטען תבואה אפולין שפייכלער, עס זאל נאכדעם זיין גענוג שפייז אויף זיבען יאהר צייט פאר אלע איינוואהנער אין לאנד, אזוי ווי עס איז געווען אין מצרים.

זייער עצה איז דעם כליף געפאלען געווען, ער האט באלד באפוילען צו בויען אזא גרויסען שפייכלער ווי די חכמים האבען איהם אנ׳עצה געגעבען.

— רוה דיך אביסעל אפ — האט דער קאניג געזאגט — נאכדעם ועסט דו ווייטער ערצעהלען.

י.

ווי דער שפייכלער איז פארטיג געווארען האט דער כליף בעפוילען מען זאל אין איהם אנשיטין תבואה און פארשלאגין דעם דאך.

זיבין יאהר צייט האט מען אלע איבריגע תבואה פון לאנד געשאטין אין שפייכלער, און אז ער איז פול געווארין מיט תבואה האט מען פארשלאגין דעם דאך.

אז די ארבייט איז שוין געוועען פערטיג, זיינען געקומען הייי־שעריקין פון אלערליי מינים, זייער צאהל איז געוועען גרויס, זיי זיינען געוועען זעהער הונגעריג, ווייל אויף די פעלדער האט שוין ניט געוואכסין, זיי האבין דערשמעקט אזא שפייכלער מיט תבואה, האבין זיי געוואלט בעקומען די תבואה צו עסין, אבער דער

שפייכלער

שפּייכלער איז געווען פֿאַרהאַקט, זיי האָבן ניט געקאָנט אַרײַן אין איהם.

דער גוטער גאָט וואָס ער איז „נותן לחם לכל בשר" האָט געמאַכט אַ נס אַז אין אַזײַט דאַך האָבן די הײַשעריקן געפֿונען אַ קליינע אָפֿענונג וואָס נור איין הײַשעריק קאָן זיך דורכקוועטשן, איז אַרײַן איין הײַשעריק אין שפּײַכלער גענומען אַ קערינדיל און איז אַרויסגעפֿלויגן, נאָך איהם איז אַרײַן אַ צווייטער הײַשעריק, גענומען אַ קערינדיל און איז אַרויסגעפֿלויגן, נאָכדעם איז אַרײַן אַ דריטער הײַשעריק, גענומען אַ קערינדיל און אַרויסגעפֿלויגן.

רבי אליעזר איז געזעסען דעם גאַנצען טאָג און געציילט די הײַשעריקן וועלכע האָבן איינציגוויז אַרײַנגעקוועטשט זיך דורך די אָפֿענונג פֿון אונטערן דאַך וואָס דער בוי מײַסטער האָט פֿאַרגעסן צו פֿאַרמאַכן.

אַז רבי אליעזר האָט אָבגעציילט צעהן טויזענד הײַשעריקן, האָט דער קעניג געזאָגט צו איהם: גענוג דיר ציילן די הײַשעריקן, ערצייל וואָס איז געווען ווײַטער.

— אדוני המלך — האָט רבי אליעזר געענטפֿערט — איך קאָן ווײַטער ניט ערציילן ווי לאַנג איך ענדיג ניט דעם צאָל פֿון די הײַשעריקן.

איז נאָכדעם אַרײַנגעקוועטשט זיך נאָך אַ הײַשעריק גענומען אַ קערינדיל און איז אַרויסגעפֿלויגן, נאָך איהם איז אַרײַנגעפֿלויגן א. ז. וו.

עטליכע טאָג כסדר איז ער געזעסען בײַ דעם קעניג און געציילט די הײַשעריקן, דעם קעניג זײַנען די הײַשעריקן נמאס געוואָרען.

— האָר אליעזר — האָט דער קעניג געזאָגט — דײַן ספּור איז ווירקליך אָהן אַ סוף, איך גיב דיר מײַן טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב און

און מאך דיר פאר אקאמענדאנט איבער דעם פעסטונג, נור נענוג דיר ערציילין מיט די היישעריקין.

דער קאניג האט זיין ווארט ערפילט, ער האט איהם חתונה געמאכט מיט זיין טאכטער.

אז זיין פרוי אדער אמיניסטער פלעגט איהם פרעגין וואס איז געוועזן סוף מעשה? פלעגט רבי אליעזר ענטפערין אז ער קאן דעם סוף ניט ערציילין ביז ער רעכענט ניט אויס דעם צאהל פון די היישעריקין, און היישעריקין זיינען פאראן זעהער פיל.

יא.

אנאנדער מענש וואלט זיך געשעצט זעהער גליקליך ווען ער זאל זיין אויף רבי אליעזר'ס ארט, אקליינינקייט אמענש, אשקלאוו, ארעם און אונגליקליך ווערט דעם קאניגס איידעם און אקאמענדאנט אין אפעסטונג וואס קאן שוין בעסער זיין? דאכט זיך קיין גרא־סערין גליק וואלט זיך קיין מענש נעוואונשין.

ניט אזוי איז געוועזן רבי אליעזר, ער האט זיך געפונען אין זעהער אשלעכטע לאגע, ער האט בעדויערט זיין אונגליקליכע פלונית'טע, דערפאר האט ער זיין נייע פרוי ניט אנגעריהרט אפילו מיט זיין קליינעם פינגער.

אין קרעפאסט האט רבי אליעזר געפונען א אידישע ספרדישע קהלה, דאס זיינען געוועזן קינדער פון די אנוסים אין שפאניא, זיי זיינען פון שפאניא אנטלאפען און האבין זיך באזעצט אין יענעם קרעפאסט.

דעם

דעם ערשטין מאָהל אז רבי אליעזר איז געקומען אין זייער קלויז דאוונען, האבין זיך די דאָרטיגע מתפללים זעהער געוואונדערט ווי קומט דעם קאָניגס איידים און אקאָמענדאנט אין זייער קלויז, נור אז זיי האבין געזעהן דאס ער טראָגט ציצית און האט אטלית מיט צוויי פאָאר תפילין, האבין זיי זיך בערוהיגט, ער האט זיי גאָבין דאוונען מכבד געווען מיט עטליכע גוטע פלאַשער וויין, זיי האבין איהם געוואונשען אז גאט וואס וויים אלע נסתרות זאל ממלא זיין דעם וואונש פון כל ישראל און אויך זיין פערלאנג, דארויף האבין אלע געענטפערט אמן ואמן.

רבי אליעזר האט געפונען ביי זיי אכשרה מקוה, אויך אשוחט אפרומער איד וואס פון זיין שחיטה וועט מעגין עסין אפילו משיח צדקנו, ער האט בעזוכט זייער תלמוד תורה.

יענע אידין, ביז רבי אליעזר איז דארטין געווארין קאָמענדאנט, פלעגין לייַדין פון די קרעפאָסטנע זאקאָנעס, זיי האבין געהאט צרות פון די דאָרטיגע אויבערמאכט, רבי אליעזר האט אלע בעגרענצונגען מבטל געמאכט, די דאָרטיגע אידין האבין אָנגעפאנגען אטהעמען פריי, זיי האבין געדאנקט גאט און זיין גוטין שליח וואס ער איז געווען פאר זיי ווי אמלאך מושיע, זיי האבין איהם פיל כבוד געגעבען.

יב.

דעם קאָניגס טאָכטער וואס זי איז געווארען די פרוי פון רבי אליעזר, איז געוועזן אגרויסע צנועה, זי האט געזעהן אז איהר מאן אנטלויפט פון איהר, ער וויל זיך אָן איהר אפילו ניט אָן

ריהרין

ריהרין, האט זי זיך איינגעהאלטין, קיינעם ניט ערציילט, ווייל זי האט זיך געשעמט . . .

ביי נאכט איז געקוממען צו איהם דער אלטער פארנעהמער מאן און ער האט צו איהם געזאגט: עס איז געקוממען די צייט וואס דו דארפסט פאהרין אהיים, דיין ווייב ווארט אויף דיר, דו גיזעגין זיך מיט דעם קאניגס טאכטער, איך וועל ביי איהר פועל'ן זי זאל דיר אוועק שיקין שלום צו דיין פלונית'טע.

דער אלטער פארנעהמער מאן האט מקיים געווען זיין הבטחה, די צווייטע נאכט איז ער געקוממען אין חלום צו דעם רבי אליעזר און איהם געזאגט אז מארגין וועט דיר די בת מלכה אוועקשיקין אהיים דען איך האב איהר שוין מתרה געווען.

אויף מארגין איז דעם קאניגס טאכטער אויפגעוואכט גאנץ פריה, זי איז געווען ערשראקין פון חלום, דען דער אלטער פאר־נעהמער מאן האט איהר שטארק אנגעזאגט אז זי זאל רבי אליעזר'ן אוועקשיקין מיטין גוטין ווילין אהיים, ווען ניט וועט ער איהר ערווערגין.

זי איז צוגעגאנגען נאהנט צו רבי אליעזר'ן, מיט טרעהרין אין די אויגין האט זי צו איהם גיזאגט: איך זעה ארויס פון נאך אונזער חתונה אז דו בינסט וויים פון מיר: איך ביטע דיר זאג מיר וואס א פעהלער דו האסט געפונען אין מיר, איך וויל דאס שטארק וויסין.

— איך שווער דיר ביי אלעם היילינגין — האט רבי אליעזר געענטפערט — אז אין דיך האב איך קיין פעהלער געפונען, און מיין ערוויטערין זיך פון דיר איז ניט ווייל דו האסט שולד דערביי, נור די שולד איז פון מיך, איך בין א איד און איך האב אין מיין לאנד א ווייב, און לויט אידישין מנהג דארף א איד פון מיין לאנד קיין צווי ווייבער האבין, און מנהג ישראל איז אזוי גוט ווי א דין פון דער תורה.

— אויב אזוי — האט דעם קאָניגס טאכטער גיזאגט — וועל איך דיך אוועקשיקין בשלום אהיים, נור גיב מיר אנ'עצה וואס זאל איך זאגין מיין פאטער און אלע מיינע בעקאנטע, עס וועט דאך זיין פאר מיך אגרויסער בזיון אז דו וועסט מיך לאזין אליין.

— דו וועסט זאגין – האט רבי אליעזר געענטפערט — אז איך בין לעבעדיגערהייט אויף דעם הימיל ארויף.

זי האט זיך ערא‍ינערט אז דער אלטער מאן האט איהר אין חלום אויך אזוי גיזאגט.

יג.

ביז צוועלף ביי נאכט האט זי פאר איהם צוגעגרייט צידה לדרך, זיי האבין זיך ביידע פערקלייידעט קיינער זאל זיי ניט ער־קאָנען, זי האט אנגישאָטין אין אזאקיל פיל גאָלד, דימאנטין, ברילי‍אנטין, טהייערע פעריל, און זי האט עס איהם מיטגעגעבען, געגאנגען מיט איהם צום ברעג ים, זעהען ווי ער זעצט זיך אויפ'ן שיף.

ווי ערשטוינט איז זי געוואָרען אז זי האט דערזעהען דעם אלטין פאָרנעהמען מאן וועלכין זי האט געזעהען אין חלום שטייט ביי דעם ברעג ים, ער האט ארומגענומען רבי אליעזר'ן און ביידע צוזאממען זיינען פערשוואונדין געווארען.

אֵיידער ער האט גענומען אָבשייד פון דעם קאָניגס טאָכטער, האט ער איהר אָבגעגעבען דעם זעקיל גאָלד מיט אלע טהייערע חפצים, און האט געזאָגט צו איהר: אין קרעפּאָכט זיינען פאראן פיל אָרעמע אידין, צוטהייל זיי די גאָלד, זיי וועלין מעהר נוטצין

האבין

האבין דערפון ווי איך, זיי וועלין זייערע אויגין אפענען, זייער צושטאנד וועט זיך פיל פערבעסערין.

— אליעזר! — האט דער אלטער געזאגט — פאר די צוויי מצות וואס דו האסט געטהון, איינע איז גראסער ווי יוסף הצדיק'ס מצוה . . . און די צווייטע וואס דו מאכסט ליכטיג די אויגין פון פיל ארעמע לייט, וועסט דו זוכה זיין צו קוממען אהיים און איבער א יאהר אין דער צייט וועסט דו האבין אזאהן וואס וועט ליכטיג מאכין די וועלט מיט זיין תורה, חכמה און פרומקייט.

— ווי קאן דאס זיין? — האט אליעזר זייער ענציקט גע־פרעגט — איך בין דאך שוין אלט הונדערט יאהר, און מיין ווייב אויך אזוי.

— ניט פרעג קשיות — האט דער אלטער געזאגט — מעשה אבות סימן לבנים, אזא נס האט שוין אמאהל גיטראפין, וועט יעצט נאך אמאהל טרעפין, איך וועל אי"ה קומען צום ברית, דו זאלסט אויף מיר ווארטין.

רבי אליעזר איז געקוממען אהיים בשלום. וה' פקד את שרה (אזוי איז געווען איהר נאמען), ותהר ותלד בן, דאס איז געווען דער בעש"ט.

רבי אליעזר איז צום ברית אלט געווארען הונדערט יאהר און זיין פרוי אויך אזוי אלט.

רבי אליעזר האט געפיהלט ביי זיך אז ער האט זיין מיסיאן פארפערטיגט און ער דארף אוועקגעהען אין אזא וועלט וואס פון דארטין

דארטען וועלען די צדיקים קומען צוריק אז עס וועט ווערען בע־שטימט די צייט פון תחיית המתים.

ער האט אנגעשריבען אויף אפאפיר די ווארטער: מיין ליבער זוהן! איך מוז דיך פארלאזען, מיין צייט איז געקומען צו געהען אויף אנאנדער וועלט, איך באדויער קיין זאך נים, נור דאס וואס איך וועל דיר נים קאנען ערציהען, איך האף אבער אז גוטע מענשען וועלען פארטרעטען מיין ארט, איך קאן דיר נור זאגען קורץ אז דו זאלסט זיך פאר קיין זאך נים שרעקען, גאט פון אברהם, יצחק און יעקב וועט זיין מיט דיר, דערצו האב איך אגרויסע הבטחה פון אנ'אלטען פארנעהמען מאן ער זאל קוממען צו דיר די ערשטע צייט אין חלום, נאכדעם אז דו וועסט שוין זוכה זיין דערצו וועט ער זיך בעוויזען צו דיר וואכעדהייט, ער וועט מיט דיר לערנען סודות התורה, איהם זאלסטו אלס פאלגען, ער וועט זיין דיין „מורה דרך".

רבי אליעזר האט דעם צעטעלע פארנייט אין לייווענד, אויבען אויפגעשריבען: אפענען די קמיעא אז מיין ישראל וועט אלט ווערען פינף יאהר.

רבי אליעזר האט געלעבט נאך דעם נים מעהר ווי איין טאג, ער איז געשטארבען.

דער בעש"ט איז אלט געווען צעהן טאג אז זיין פאטער איז געשטארבען.

אוואונדערליכע מערקווירדיגע איבערנאטירליכע זאך איז גע־ווען צו זעהען אז דריי טאג צייט האט דער בעש"ט געוויינט אהן אויפהער נים געגעסען נים געטרונקען אזוי ווי ער וואלט וועלען מקיים זיין דברי חכמינו אז דריי טאג דארף מען נאך אטויטען וויינען.

די מוטער האט געמיינט אז ער איז קראנק, האט זי גערופען אדאקטאר, געוואהנליך אדאקטאר גלויבט נים אין אזא מופת פון אצעהן טאגיגען קינד אז ער זאל קלאגען נאך זיין פאטערס טויט, האט דער [illegible] נים אונטערזוכט און געזעהען אז ער איז פאלקאמען

פאלקאמען געזונד, האט ער באפוילען מען זאל איהם אפענען די ליפין און אריינגיסין מילך אין מויל, אבער אומזאנסט איז געווען זייער טרחה, ניט דער דאקטאר, ניט די מוטער האבין געקאנט מיט געוואלד איהם אפענען די ליפען, אזוי פעסט האט ער זיינע ליפען פארמאכט.

ט.

אז די מוטער האט איהם אנטוויינט, ער האט אויפגעהערט צו זייגין, איז זי פלוצלונג קראנק געווארען און געשטארבען.

די שטאדט-פערזארגער האבין איהם אבגעגעבען ביי א מלמד פון ת"ת זיי האבען דעם מלמד געצאהלט, ער זאל דעם יתום האדעווען ווי אנ'אייגען קינד.

אז רבי ישראל איז אלט געווארען דריי יאהר מיט אהאלב איז צו איהם געקומען דער אלטער פארנעהמער מאן און האט איהם אוועקגעפיהרט אין אוואלד און ער האט מיט איהם געלערענט אלע סודות התורה, קיין מענש האט דערפון ניט געוואוסט, מענשען פלעגען ערציילין אז מען האט געזעהען דעם יתום ארומגעהענדיג אין וואלד און א ווייסע גרויסע שטיק פייער איז מיט איהם זייט ביי זייט געגאנגען, פיל מענשין האבין דערפון געלאכט, זיי האבין גע-זאגט אז דאס קאן ניט זיין.

דער מלמד פון ת"ת וואס האט איהם ערצויגען איז געווען א ראש ישיבה, דער יתום פלעגט זיצין פון ווייטען און זיך גוט איינ-הערין וואס ער האט מיט די תלמידים געלערענט, פיל תלמידים האבין פון יתום געלאכט, זיי האבין איהם חושד געווען אז ער פארשטעהט גאר נישט.

אמאהל

אַמאהל זיצענדיג בײַ די ישיבה האט דער יתום געפרעגט אקשיא פון איין תנא אויף דעם צווייטען תנא.

אַזאַ קשיא — האט דער ראש ישיבה געזאָגט — דאַרף פרעגין אגרויסער חריף ובקי — האסט דו אויף די קשיא אַתירוץ? — האט דער ראש ישיבה געפרעגט.

— דער ווײַלע ניט — האט דער יתום געענטפערט — נור אויב איהר וועט מיר ביז מאָרגין ניט ענטפערין וועל איך אייך זאָגען אַתירוץ.

אויף מאָרגען אז דער ראש ישיבה מיט זיינע תלמידים זײַנען געזעסען אַרום טיש, איז געקומען דער יתום און האט געזאגט אַתירוץ, דער ראש ישיבה האט געוואָלט איהם אַקוש געבען פון גרוים התפעלות, איז דער יתום אַנטלאָפען פון דאָרט אין וואַלד אַרײַן.

דער ראש ישיבה מיט אַלע תלמידים האבען איהם געזוכט דרײַ טאָג ביז זיי האבען איהם געפונען אונטער אַבוים זיטצענדיג מיט אַזוהר אין האַנד, זיי האבען איהם געבראַכט אַהיים, און פון יענער צײַט אָן האָבען זיי אויף איהם געקוקט ווי אויף איינעם פון די ל"ו צדיקים.